בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים**

**תשפ"ד**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיג אִיךְ מַיין וַוייבּ פוּן אִירֶע פְּחָדִים? ...............................א

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען?...................ב

פַארְוָואס גֵייעֶן חֲסִידוּת'ן אַוֶועק פוּנֶעם אָרְגִינֶעלְן וֶועג? ......................ח

וֶועלְכֶע נִיגוּנִים זֶענֶען כָּשֵׁר אוּן עֶרְלִיךְ?.......................................י

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ יֶעדְן אַרוּם מִיר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מַיין שִׂמְחָה?..........יא

אִיז דָא אַ חֵלֶק פוּן אוֹיג וָואס אַ פְּרוּי מֶעג שְׁמִירְן? ...........................יג

פָּארְן קַיין אוּמַאן, אוֹיבּ קֶען מֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם?..............יד

פַארְוָואס אִין חֵדֶר בִּין אִיךְ מַצְלִיחַ, אוּן אִינְדֶערְהֵיים נִישְׁט?................. טו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח...................................א

דוּרְךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ, אַרְבֶּעט מֶען זִיךְ אוֹיס דִי מִידוֹת..........ב

אַ גַבְּאַי נֶאֱמָן זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי פּוּשְׁקֶעס...............................ג

דָאס זָארְגְן צוּ סַאךְ, קֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן הָאבְּן קִינְדֶער ........................ד

זָאג יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת...............................ה

רֶעד נִישְׁט קַיין וָוארְט בַּיים דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת..................ו

דִי וֶועלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, יֶענֶע וֶועלְט קוּמְט מִיר נִישְׁט ....................ו

אַז דַיין הַאנְט טוּט וֵויי, וֶועסְטוּ עֶס אָפְּשְׁנַיידְן?..............................ז

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה צוּ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט....................ח

אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיפְן בִּנְיָן דֶער נָאמֶען פוּנֶעם נַדְבָן ...........................ט

מְקַרֵב זַיין יֶעדְן, אָבֶער מִיט שֵׂכֶל..................................................... י
זָאגְן אוּן זָאגְן בִּיז קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן דֶערְהֶערְן .......................................יא
זִיךְ רוּקְן וַוייטֶער מִיטְן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַחַל אִין אִידִישׁ............................יב
דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב ..................................................יב
גֶעבּ מַעֲשֵׂר אֵייְדֶער דִי אִינְוֶועסְטִירְסְט דָאס גֶעלְט.............................יג
דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת ...........................................יד
דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן גְרָאסֶערִי קוּמְט הֶעלְפְן אִין חֵדֶר ...................... טו
גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס אִין יָארְצַייט פוּן דַיין טַאטֶע........................................ טו
אַייעֶר מַאמֶע אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיר זֶענְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן.................. טז
אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע.................................................יז
לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי שִׁגָעוֹן פוּן זַיין צֶעבְּרָאכְן .......................................יח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וְוי אַזוֹי בַּארוּאִיג אִיךְ מַיין וַוייבּ פוּן אִירֶע פְּחָדִים?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַּאר עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים צוּרִיק אִיז פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן אַ קְלֵיין מֵיידְל דָא אִין שְׁטָאט, אוּן בִּיז יֶעצְט וֵוייסְט מֶען נָאכְנִישְׁט וואוּ זִי אִיז. אוּן זֵייט דֶעמָאלְט הָאט מַיין וַוייבּ מַמָּשׁ מוֹרָא אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן הוֹיז, אֶפְשָׁר וֶועט זִי אוֹיךְ עֶרְגֶעץ וואוּ פַארְשְׁווִינְדְן וֶוערְן, זִי הַאלְט מִיךְ אִין אֵיין פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס זֶענֶען דָא שֵׁדִים אוּן רוּחוֹת.

זִי לֶעבְּט מַמָּשׁ מִיט גֶעפֶערְלִיכֶע פְּחָדִים, וֶוען זִי הָאט גֶעדַארְפְט עֶפֶּעס אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען פוּן אוּנְטְן, אִיז זִי צוּרִיק גֶעקוּמֶען מַמָּשׁ וַוייס אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, מוֹרָא הָאבְּנְדִיג אַז דִי רוּחוֹת וֶועלְן אִיר פַּארְכַאפְּן.

וָואס קֶען אִיךְ אִיר זָאגְן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר בַּארוּאִיגְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**זֶע מֶען זָאל מַקְפִּיד זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ זִיךְ צוּ וַואשְׁן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף – נֶעגְל וַואסֶער; דָאס פַארְטְרַייבְּט דִי קְלִפּוֹת פוּן שְׁטוּבּ.**

**אוֹיךְ זָאל דַיין וַוייבּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים, וּבְעִקָּר זָאל זִי זָאגְן שַׁבָּת**

תְּהִלִים; זָאגְן תְּהִלִים נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע בֵּייזֶע רוּחוֹת. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב א, ח) דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִים זָאל דָאס זַיין חָשׁוּב אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט מַסֶּכֶת נְגָעִים אוּן מַסֶּכֶת אָהֳלוֹת; וָואס עֶפֶּעס דִי צְוֵויי מַסֶּכְתּוֹת? וַוייל וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִים נֶעמְט מֶען אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע קְרֶעץ, אוּן אַלֶע טֻמְאוֹת, אַלֶע רוּחוֹת - גֵייעֶן אַוֶועק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס אִיז כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה. נָאר אֵיין זַאךְ אִין וָואס אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט קְלָאר אִיז מִיטְן מְהַלֵּךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר נָאךְ בְּשֵׁם מוֹהֲרַאְ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מֶען זָאל זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְמָרָא אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ טָהֳרָה אוּן תִּיקוּנִים.

וֶוען מֶען קוּקְט אָבֶּער אַרַיין אִין עֶטְלִיכֶע מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל זֶעט מֶען אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ, דִי גְמָרָא אִין מַסֶּכֶת סוֹטָה (כ"א ע"ב וכ"ב ע"א) זָאגְט: "אֵיזֶהוּ רָשָׁע עָרוּם, עוּלָּא אָמַר זֶה שֶׁקָּרָא וְשָׁנָה וְלֹא שִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", אוּן וִוי רַשִׁ"י אִיז דָארְט מַסְבִּיר בְּפַשְׁטוּת, זֶה שֶׁקָּרָא: 'מִקְרָא', וְשָׁנָה: 'מִשְׁנֶה', וְלֹא שִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים: 'לִלְמוֹד סְבָרַת הַגְּמָרָא בְּטַעֲמֵי הַמִּשְׁנֶה וְכוּ', וְעָרוּם הוּא שֶׁהַשּׁוֹמֵעַ אֶת קוֹלוֹ שׁוֹנֶה מִשְׁנִיּוֹתָיו, כְּסָבוּר הוּא שֶׁבָּקִי בְּטַעֲמֵיהֶם וְנוֹהֲגִין בּוֹ כָּבוֹד כְּתַלְמִידֵי חֲכָמִים', אוּן דִי גְמָרָא שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: "אִתְּמַר קָרָא וְשָׁנָה וְלֹא שִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, רַבִּי אֶלְעָזָר אוֹמֵר הֲרֵי זֶה עַם הָאָרֶץ, רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי אָמַר הֲרֵי זֶה בּוּר, רַבִּי יַנַּאי אוֹמֵר הֲרֵי זֶה כּוּתִי, רַבִּי אַחָא בַּר יַעֲקֹב אוֹמֵר הֲרֵי זֶה אַמְגּוּשׁ, אָמַר רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק, מִסְתַּבְּרָא כְּרַבִּי אַחָא בַּר יַעֲקֹב, דְּאָמְרִי אֱינָשֵׁי, רָטֵין מָגוֹשָׁא וְלֹא יָדַע מַאי אָמַר, תָּנֵי תַּנָּא וְלֹא יָדַע מַאי אָמַר", זֶעט מֶען דִי שַׁארְפְקֵייט אוּן הַארְבְּקֵייט פוּן לֶערְנֶען אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

אַזוֹי אוֹיךְ שְׁרַייבְּט דִי גְמָרָא: "אֲחֵרִים אוֹמְרִים, אֲפִילוּ קָרָא וְשָׁנָה וְלֹא שִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הֲרֵי זֶה עַם הָאָרֶץ", דֶער אוֹיסְדְרוּק "עַם הָאָרֶץ" אִיז אַ פַּארְשֶׁעמוּנְג אַזוֹי וִוי "הֲרֵי זֶה בּוּר", נִישְׁט סְתָּם אַז עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען.

דִי גְמָרָא זָאגְט וַוייטֶער, "יְרָא אֶת ה' בְּנִי וָמֶלֶךְ, וְעִם שׁוֹנִים אַל תִּתְעָרָב, אָמַר רֶבִּי יִצְחָק אֵלּוּ שֶׁשּׁוֹנִים הֲלָכוֹת, פְּשִׁיטָא, מַהוּ דְּתֵימָא שׁוֹנִים בְּחֵטְא, קמ"ל", רַשִׁ"י אִיז מַסְבִּיר: "שֶׁשּׁוֹנִין הֲלָכוֹת, שֶׁלֹּא שִׁמְּשׁוּ לְתַלְמִידֵי חֲכָמִים וְלֹא הִקְפִּידוּ עַל טַעֲמֵי הַמִּשְׁנָיוֹת".

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין מִדְרָשׁ רַבָּה (וַיִּקְרָא ג, ז): "קָרָא אָדָם וְלֹא שָׁנָה עֲדַיִן בַּחוּץ עוֹמֵד, שָׁנָה וְלֹא קָרָא, עֲדַיִן בַּחוּץ עוֹמֵד, קָרָא וְשָׁנָה וְלֹא שִׁמֵּשׁ עֲדַיִן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, דּוֹמֶה לְמִי שֶׁנֶּעֶלְמוּ מִמֶּנּוּ סִתְרֵי תוֹרָה וְכוּ', אֲבָל קָרָא אָדָם תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים וְשָׁנָה מִשְׁנָה מִדְרָשׁ הֲלָכוֹת וַאֲגָדוֹת וְשִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אֲפִלּוּ מֵת עָלָיו אוֹ נֶהֱרַג עָלָיו, הֲרֵי הוּא בְּשִׂמְחָה לְעוֹלָם, לְכָךְ נֶאֱמַר: עַל כֵּן עֲלָמוֹת אֲהֵבוּךָ".

וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין בַּיים מְקוֹר אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו) זֶעט מֶען נִישְׁט דָארְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר "מְהִירוּת גָּדוֹל, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִימוּד אֶלָּא בַּאֲמִירָא לְבַד לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", לִכְאוֹרָה קוּקְט עֶס אוֹיס אַז מֶען דַארְף זָאגְן בַּאֲמִירָא בְּעָלְמָא, אָבֶער וִוי עֶר זָאגְט גְלַייךְ נָאכְדֶעם "וּמִמֵּילָא יָבִין", זֶעט מֶען אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מְהַלֵּךְ אַז מֶען וֶועט פַארְשְׁטֵיין פוּן לֶערְנֶען בִּמְהִירוּת, וַוייל אַלֶעס וֶוערְט פַארְעֶנְטְפֶערְט וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי גַאנְצֶע עִנְיָן, נִישְׁט אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ בַּיי יֶעדֶע וָוארְט, אָבֶער נִישְׁט אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי עֶר שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: "וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאלְט אַז מֶען מֶעג בְּלַייבְּן מִיט קַשְׁיוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט.

יָדַעְתִּי וְגַם יָדַעְתִּי אַז עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ הוּנְדֶערְטֶער בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט תּוֹרָה אוּן מֶען דַארְף זֵיי אַרַיינְשְׁלֶעפְּן מָשְׁכֵהוּ לְבֵית מִדְרָשׁ, וָואס דוּרְכְן זָאגְן בְּרֶענְגְט עֶס אַ טָהֳרָה אוּן אַ תִּיקּוּן, אָבֶער עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ דָא, עֶס אִיז דָא אַ הֶמְשֵׁךְ, וִוי דִי גְמָרָא רִימְט אוֹיס אַ בְּלַאט פְרִיעֶר (סוֹטָה כ"א ע"א) "פָּרָשַׁת דְּרָכִים, זֶה תַּלְמִידֵי חֲכָמִים לַאֲסוּקֵי שְׁמַעְתְּתָא אַלִּיבָּא דְהִלְכְתָא", וִוי רַשִׁ"י אִיז מַסְבִּיר דָארְט, וֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם קוּמְט דָארְטְן אָן אוּן דְבָרָיו נִשְׁמָעִין, אִיז עֶס דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ.

בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶפֶנְט דֶעם

בֵּית הוֹרָאָה אִין שְׁטֶעטְל, הָאט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט פַאר דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, וָואס זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען לִכְאוֹרָה צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל מֶער, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיךְ אִין שִׂיחָה ע"ו אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען טורי זהב, מגן אברהם, בְּאֵר הַגּוֹלָה, פְּרִי חָדָשׁ, עֲטֶרֶת זְקֵנִים, לַאֲסוּקֵי שְׁמַעְתְּתָא אַלִּיבָּא דְּהִלְכְתָא.

דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דָארְט בַּיים לְחַיִּים דִי חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם זֵיידְן וָואס עַל שְׁמוֹ הֵייסְט דִי בֵּית הוֹרָאָה, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מֵעִיר גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אִין דִי צַייט וָואס מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אַן הֲלָכָה, קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען בַּיי אַהֲבָה רַבָּה"; עֶס הָאט מִיר אַבִּיסְל גֶעבַּאדֶערְט, דָאס הֵייסְט אַז דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּרֶענְגְט בִּכְלַל נִישְׁט אַרוֹיס דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַסוּקֵי שְׁמַעְתְּתָא אַלִּיבָּא דְּהִלְכְתָא, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר, נָאר מִיט אַ מַאךְ אַוֶועק, עֶנְדֶערְשׁ וֵויין דִיךְ אוֹיס בַּיי אַהֲבָה רַבָּה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע זַאכְן, דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע כֹּחַ, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן כֹּחוֹת אוֹיף וַוייטֶער, גֶעזוּנְטֶע לַאנְגֶע יָארְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער מַאכְט אַוֶועק לֶערְנֶען? וֶוער זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין קַיין לֶערְנֶען?! פוּן וָואס רֶעדְסְטוּ בִּכְלַל? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דֶען מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען?! דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן אָנְהוֹיבּ, אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען זָאל צוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, אַז מֶען זָאל אִין אָנְהוֹיבּ נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן צוּלִיבּ דֶעם אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי מֶען זָאל אֲפִילוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז מֶען קוּמְט אָן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דוּ זָאגְסְט מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, וֶוער אִיז דֶען נִישְׁט מוֹדֶה אַז מֶען דַארְף לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען?! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן קְלָאר (בְּרָכוֹת ו:): "אַגְרָא דִשְׁמַעְתָּא סְבָרָא", זָאגְט רַשִׁ"י: "שֶׁהוּא יָגֵעַ וְטוֹרֵחַ וּמְחַשֵּׁב לְהָבִין טַעֲמוֹ שֶׁל דָּבָר", עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ

פַאַרְשְׁטֵיין דֶער טַעַם פוּן דִי זַאךְ; אָבֶּער וָואס זָאלְן טוּן דִי אַלֶע וָואס פַאַרְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען אוּן דָאס הַאלְט זֵיי צוּרִיק פוּן הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט דִי תּוֹרָה? צוּ זֵיי קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן גֶעבְּט זֵיי דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַאַרְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַאַרְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַאַרְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַאַרְשְׁטַאנֶען, "וְאָמַר", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַאַרְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַאַרְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַאַרְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַאַרְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיין פַאַרְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַאַרְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַאַרְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַאַרְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר', שֶׁנֶּאֱמַר, 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'",

ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִּי ווֶערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט ווָאס עֶר לֶערְנְט, און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

"וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ ווֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען ווֶעט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם ווָאס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט און גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'. "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ, וּמִדְרָשִׁים, וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, ווֶעט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; עֶר ווֶעט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, און זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לְאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן אַדוּרְכְלֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, עַיֵּין שָׁם.

דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד ווֶערְט נָאךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי ווֶערְטֶער פוּן

די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לְעוֹלָם לִיגְרִיס אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", און דֶער מַהֲרַ"ל מִפְּרָאג זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (חִידוּשֵׁי אַגָּדוֹת, שָׁם) אַזוֹי אוֹיךְ דֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (פֶּתַח עֵינַיִם, שָׁם) אַז דוּרְךְ זָאגְן דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי תּוֹרָה וֶוערְט אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, און אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה שְׁפֶּעטֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה, דוּרְךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה וֶוערְט מֶען רֵיין און לוּיטֶער, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קֶענֶען מַשִּׂיג זַיין אֱלֹקוּת און צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; הוֹיבּ אָן מִיט חוּמָשׁ רַשִׁ"י און נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת און אִין גְמָרָא, אִין אָנְהוֹיבּ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין. דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", און עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען און גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין - "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זָאל עֶר ווִיסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם, "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", און עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין", און עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): "בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, לֵייג אַוֶועק אַלֶע חָכְמוֹת, לֵייג אַוֶועק אַלֶע לֵיצָנוּת, קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיוּן, נָאר דֶער פַאקְט אִיז אַז רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען בְּעִיוּן, דֶערִיבֶּער עֶפְנְט מֶען נִישְׁט אוֹיף אַ חוּמָשׁ און נִישְׁט קַיין מִשְׁנָיוֹת, און וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן אַ גְמָרָא און אַזוֹי וַוייטֶער,

און בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער דִי לֶעבְּן און מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נַאקֶעט, אָן קַיין תּוֹרָה, אָבֶּער מִיטְן רֶבִּינְ׳ס דֶרֶךְ הַלִימוּד קוּמְט מֶען אָן צוּ לֶערְנֶען סַיי שְׁנֶעל און סַיי בְּעִיוּן און מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אָנְגֶעפִּילְט מִיט אַלֶעס גוּטְס.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס גֵייעֶן חֲסִידוּת׳ן אַוֶועק פוּנֶעם אָרְגִינֶעלְן וֶועג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים און דְרָשׁוֹת שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר, ווִי אוֹיךְ לֵיין אִיךְ דִי בְּרִיוו, און אִיךְ טֵייל דָאס מִיט מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הַאלְט אַז אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים און בְּרִיוו מוּזְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין יֶעדֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אָפְּגֶעזֶען צוּ וֶועלְכֶע קְהִילָה אָדֶער חָצֵר מֶען בַּאלַאנְגְט.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן דִי צַייט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף מַיין בַּאזָארְגְנְדֶע שְׁאֵלָה. דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר זֶעט מֶען ווִי גֶעווִיסֶע גְרוֹיסֶע אִידִישֶׁע חֲצֵרוֹת זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי אָרְגִינֶעלֶע וֶועג וָואס זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אַמָאל אִינְדֶערְהֵיים, אַנְשְׁטָאט עֶס זָאל זַיין אַ פְּלַאץ צוּ שֶׁעפְּן - און זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין - תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, וַוארֶעמֶע טִישְׁן און בָּאטֶעס וואוּ מֶען דֶערְוַוארֶעמְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶער נִישְׁט דָא דָארְט דִי פֵייעֶר פוּן עֲבוֹדַת הַשֵׁם, מֶען אִיז מֶער פַארְנוּמֶען מִיט דֶער רֶבִּי, און מִיטְן אוֹיסְרָאטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס קֶעגְנֶערְס.

עֶס אִיז זִיכֶער דָא נָאךְ אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע גוּטֶע קְהִלוֹת און חֲסִידוּת'ן, און אִיבֶּערָאל אִיז פוּל מִיט גוּטֶע און עֶרְלִיכֶע אִידְן, אִיךְ מַיין נָאר אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם גֶעדַאנְק אַז מֶען זֶעט צוּמָאל וֶוען אַ חָצֵר וֶוערְט צוּ גְרוֹיס, קֶען מֶען פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עִיקָר, און אָנְהוֹיבְּן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַייטִיגֶע זַאכְן, נִישְׁט אַז דִי פְּלַאץ זָאל בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר אַנְטְשׁוּלְדִיגְן פַארְן פְרֶעגְן אַזוֹי אָפְן, וֶועלְן אַלֶע קְהִלוֹת און חֲסִידוּת'ן צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם? און וָואס אִיז מִיט בְּרֶסְלֶב? אוֹיב וֶוער אִיךְ

אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז אִין בְּרֶסְלֶב זָאל מֶען אֵייבִּיג טַאקֶע רֶעדְן און מֵיינֶען אֵייבִּיג נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּם סוֹף סְתָּם אַ שׁוֹי שְׁפִּיל? אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס רֶעדְסְטוּ אַזוֹי בְּרֵייט קֶעגְן אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הַאלְטְן זֵייעֶרֶע חֲסִידִים בַּיי יַהֲדוּת? דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תכא): "מֶען דַארְף דַאנְקֶען דִי רֶבִּי'ס פַארְן הַאלְטְן דִי חֲסִידִים בַּיי אִידִישְׁקֵייט"; זֵיי בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת, שׁוּלְן, כּוֹלְלִים, מִקְוָאוֹת, שְׁטֶעלְן אוֹיף דַיָּנִים צוּ פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁאֵלוֹת, און אַזוֹי וַוייטֶער.

נֶעם דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לֶערְן תּוֹרָה קעא אִין חֵלֶק א' און ווֵיין זִיךְ גוּט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן נִישְׁט אוֹיף אַוֶועק צוּ מַאכְן אַנְדֶערֶע נָאר צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ב): "וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", זָאגְט דֶער רֶבִּי, יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בַּאווִיסְט אַ נֵייעֶ שֵׂכֶל - אַ נֵייעֶ דֶּרֶךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט יֶעדְן דִיבּוּר, מִיט יֶעדֶע טְרָאפּ שֵׂכֶל, בַּיי אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז - "אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם", עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז בִּיז יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוֶוען ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט, עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ טִיפֶע שְׁלָאף, יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען (הַמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַ סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּנֶעם שְׁוַואכְסְטְן קָאפּ בִּיזְן גְרֶעסְטְן עִלּוּי, אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; עֶס אִיז בַּיי אִים מַמָּשׁ תְּחִיַּית הַמֵּתִים.

אַזוֹי אוֹיךְ נֶעמְט עֶר דִי וֶועג פוּנֶעם צַדִּיק צוּ לֶעבְן, עֶר אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַ וֶועג צוּ לֶעבְן דָא בָּזֶה הָעוֹלָם מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען רֶעדְט שֵׁיין

צוּ דִי וַוייבּ, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ טַאטֶע מַאמֶע, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ חַיֵּי עוֹלָם פַּאר אִים.

ווִידֶער אִיז דָא וָואס נוּצְן נִישְׁט דִי שֵׂכֶל אוּן דִי לִימוּדִים פַּאר חַיֵּי עוֹלָם, נָאר אוֹיף חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן יֶענֶעם; זֵיי זוּכְן ווִי מֶען קֶען נָאךְ אֵיינֶעם אַוֶועק מַאכְן - "וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", ווִי זֵיי קֶענֶען יֶענֶעם וֵויי טוּן אוּן יֶענֶעם אַוֶועק מַאכְן, אַוֶועק מַאכְן אַלֶע קְהִלּוֹת קְדוֹשׁוֹת בְּיִשְׂרָאֵל, אַוֶועק מַאכְן אַלֶע רַבָּנִים אַלֶע דַיָּנִים, חַס וְשָׁלוֹם.

לֶערְן דִי תּוֹרָה אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אוּן וֵויין זִיךְ גוּט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט אַוֶועק מַאכְן אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף קְהִלּוֹת קְדוֹשׁוֹת בְּיִשְׂרָאֵל, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל דֶעם רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת - צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּ דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן צַדִּיק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת בְּמַחְשָׁבָה דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה, אוּן נִישְׁט לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם, אַוֶועק מַאכְן אַנְדֶערֶע".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶועלְכֶע נִיגוּנִים זֶענֶען כָּשֵׁר אוּן עֶרְלִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ ווִיסְן וֶועלְכֶע נִיגוּנִים זֶענֶען כָּשֵׁר אוּן עֶרְלִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג צוּ הֶערְן נִיגוּנִים נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן ג) : "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע", וֶוער עֶס הֶערְט נִיגוּנִים פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, "קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", וֶועט אִים דִי נִיגוּנִים שְׁטֶערְן פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן", אוּן אַז מֶען הֶערְט נִיגוּנִים פוּן עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, "אֲזַי טוֹב לוֹ", וֶועט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס זִינְגֶען נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִגּוּנֵי דְבֵיקוּת, נִיגוּנִים פוּן תְּשׁוּבָה, וֶוען מֶען זִינְגְט דִי נִיגוּנִים - וֶוערְט מֶען צוּגֶעצוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעג) : "טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט מֶען זָאל זִיךְ מְחַיֶּ׳ זַיין מִיט אַ נִיגוּן, "כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וַוייל מִיט אַ נִיגוּן קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְוֶועקְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, דִי נִישְׁט עֶרְלִיכֶע - זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן נִיבּוּל פֶּה, פוּן לֵיצָנוּת, זֵיי מַאכְן נָאךְ דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, דָאס טוּט זֵייעֶר שְׁטֶערְן פוּן זַיין עֶרְלִיךְ.

ווּאוֹיל אִיז דֶער וָואס הֶערְט אוּן זִינְגְט נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, נִגּוּנֵי תְּשׁוּבָה וּדְבֵקוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ יֶעדְן אַרוּם מִיר זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מַיין שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם כֹּחַ בִּיז אַהֶער צוּ קֶענֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, בִּיז וֶוען אִיךְ קֶען שׁוֹין יֶעצְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אויף זיינע גרויסע חֲסָדִים אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַ כַּלָּה צוּ ווערן בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת מִיט אַ וואוילער און עֶרְלִיכֶער חָתָן, פָּשׁוּט אַ צַדִּיק הַדּוֹר, שְׁכּ֫חַ אייבּערשטער. אויבּ דער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קען מִתְפַּלֵּל זיין פאר מִיר אַז אַלעס זאל גיין ווייטער כְּשׁוּרָה, מִיט שִׂמְחָה און געשמאק, מִיר זאלן זוֹכֶה זיין אויפצושטעלן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, און בְּרענגען עֶרְלִיכֶע וואוילע קינדער וָואס זאלן בּאַשיינען די וועלט, מִיר זאלן האבן אֱמֶת'דיגע שָׁלוֹם בַּיִת, עס זאל זיין שָׁלוֹם צְווישן די מְחוּתָּנִים, און אַזוֹי ווייטער זאל אַלעס זיין גוט און פֵיין.

יעצט צוּ מיין וויכטיגע שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוועסטער וָואס אִיז געֶ'גט לֹא עָלֵינוּ, און זִי אִיז בִּכְלָל נִישְׁט פְרֵייליך פאר מִיר, ווי עס זעט אויס האט מיין שִׁידוּךְ אִיר געמאכט זייער שְׁווער אויפן הארץ, אִיךְ וויל פָּשׁוּט אַז יעדער אַרוּם זאל זיין גְלִיקְלִיךְ און פְרֵייליך, אִיךְ וויל קיינעם נִישְׁט וויי טוּן, און אִיךְ וויל מיין שִׂמְחָה זאל זיין גאנץ פון אַלע זייטן; ווי אַזוֹי קען אִיךְ פְרֵייליך מאכן מיין שְׁוועסטער און זִיכער מאכן אַז זִי אִיז מִיךְ נִישְׁט מְקַנֵּא?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**הַכַּלָּה תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ ערהאלטן אַייער בְּרִיוו.

דאנקט און לויבּט דעם אייבּערשטן פאר די חֲסָדִים אַז אִיר זענט אַ כַּלָּה געווארן מִיט אַ חָתָן אַ יְרֵא שָׁמַיִם, און אִין די זעלבּע צייט זאלט אִיר מִתְפַּלֵּל זיין פאר אַלע אַנדערע וָואס דארפן שִׁידוּכִים זיי זאלן אויךְ זוֹכֶה זיין צוּ טרעפן זייער שִׁידוּךְ.

יעדעס מאל מען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ שִׂמְחָה און מען האט נאנטע מִשְׁפָּחָה אָדער נאנטע פריינד וָואס האבן נִישְׁט זוֹכֶה געוועזן צוּ האבן די שִׂמְחָה, זאל זיין אַ שִׁידוּךְ; מען האט זוֹכֶה געוועזן צוּ טרעפן די שִׁידוּךְ און מען האט אַ נאנטע וָואס האט נִישְׁט זוֹכֶה געוועזן, אָדער קינדער; מען האט זוֹכֶה געוועזן צוּ קינדער בְּעֵת די נאנטע ווארטן נאךְ אויף קינדער, אָדער זאל זיין שִׁידוּכִים פאר די קינדער; מען מאכט שוין שִׁידוּכִים פאר די קינדער און מען האט גאר נאנטע וָואס זענען נִישְׁט זוֹכֶה - אִיז די עֵצָה צוּ בעטן פאר זיי, ווייל נאר אַזוֹי

שָׁאט נִישְׁט קַיין עַיִן הָרָע און דִי שִׂמְחָה אִיז בִּשְׁלֵמוּת; דִי מִינוּט וָואס מֶען בֶּעט פַאר אַנְדֶערֶע - קֶען מֶען גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה פְרֵיילִיךְ און רוּאִיג.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אִיר שִׁידוּךְ שְׁנֶעל און גִיךְ, אוֹיךְ אִיז גוּט אַרַיינְצוּנֶעמֶען דִי שְׁוֶועסְטֶער אִין דִי שִׂמְחָה, פְּרֶעגְן דֵעוֹת; אִיר פְּרֶעגְן אוֹיף מַתָּנוֹת וָואס אִיז שֶׁענֶער און וָואס אִיז בֶּעסֶער צוּ קוֹיפְן (נִישְׁט אוֹיף אָנְצוּנֶעמֶען לְמַעֲשֶׂה, טוּן טוּט מֶען וָואס אִיז רִיכְטִיג, נָאר אוֹיף לְקָרֵב הַלְּבָבוֹת), אַזוֹי וֶועט זִי נִישְׁט הָאבְּן אַ שְׁוֶוער הַארְץ און דִי שִׂמְחָה וֶועט זַיין גַאנְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז דָא אַ חֵלֶק פוּן אוֹיג וָואס אַ פְּרוֹי מֶעג שְׁמִירְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ וֵוייס אַז אַ פְּרוֹי טָאר זִיךְ נִישְׁט שְׁמִירְן און פַארְבְּן דִי אוֹיגְן, אִיךְ הָאב אָבֶּער גֶעהֶערְט אַז מֶען מֶעג יָא פַארְבְּן דִי הָאר פוּן דִי אוֹיגְן-לֶעפְלֶעךְ (מֶעסְקֶערֶע), דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעפַארְבְּט דִי אוֹיגְן; אִיז עֶס רִיכְטִיג?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין און אֵיידֶל, אַ פְּרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל און טוּט זִיךְ אָן אֵיידֶל - וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן זֶען דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, און דִי פְרוֹיעֶן וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן און פִירְן זִיךְ שֵׁיין און אֵיידֶל - וֶוערְן נִיצוֹל פוּן וֶוערֶעם אִין קֶבֶר. עֶס אִיז דָא

מַעֲשִׂיּוֹת פוּן פְרוֹיעֶן וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעגְרָאבְּן יָארְן שְׁפֶּעטֶער נָאךְ דִי פְּטִירָה, אוּן דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן שֵׁיין - דִי זֶענֶען גֶעוֶוען גַאנְץ אָן קַיין אֵיין בִּיס פוּן אַ וָוארֶעם, אַלֶעס בִּזְכוּת דִי מִדָּה פוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל.

בֶּעטְס יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ זַיין אֵיידְל, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן אֵיידְל אוּן נִישְׁט זוּכְן אַ רָב זָאל אַייךְ מַתִּיר זַיין צוּ הָאבְּן וֶוערֶעם אִין קֶבֶר; וֶוער דַארְף וֶוערֶעם אִין קֶבֶר? וֶוער דַארְף דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת? וָואס דַארְף מֶען זוּכְן נָאכְצוּמַאכְן דִי גוֹיִם, דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם?

זָאגְט דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַאךְ מִיךְ לִיבּ הָאבְּן זַיין אַ אִיד, מַאךְ מִיךְ לִיבּ הָאבְּן גֵיין אָנְגֶעטוּן ווִי אַ אִיד, מַאךְ מִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, בַּאשֵׁיידְנְקֵייט. פַארְוָואס ווִיל אִיךְ נָאכְמַאכְן דִי גוֹיִם? לֵייג אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן אֵיידְלְקֵייט, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן זַיין אַ אִיד. טַאטֶע נֶעם אַרוֹיס פוּן מִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וַואשׁ אוֹיס מַיין קָאפּ, וַואשׁ אוֹיס מַיין מֹחַ אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פָארְן קַיין אוּמַאן, אוֹיבּ קֶען מֶען נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זָאל אִיךְ פָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ וֶועל נִכְשָׁל וֶוערְן אִין שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית אוֹיפְן וֶועג?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ פָּארְן, וָואס אִיז בִּכְלַל דִי פְּרַאגֶע? עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען אַ צַדִיק וָואס זָאל מַבְטִיחַ זַיין אַז עֶר וֶועט מְתַקֵן זַיין אֲפִילוּ מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה) וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן, עֶר וֶועט זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: ״וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית״.

אַז דוּ וֶועסְט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען שְׁמִירַת עֵינַיִם, דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיךְ מְתַקֵן זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט פָּארְן מִיט אַ גוּטֶער חַבֵר, אַן עֶרְלִיכֶער חַבֵר, וָואס אִינְאֵיינֶעם וֶועט עֶנְק זַיין גְרִינְגֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, סַיי אוֹיפְן וֶועג אוּן סַיי דָארְט אִין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס אִין חֵדֶר בִּין אִיךְ מַצְלִיחַ, אוּן אִינְדֶערְהֵיים נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֶועל גְלַייךְ צוּגֵיין צוּם עִנְיָן, אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד בָּרוּךְ הַשֵׁם, אוּן בַּיי מִיר אִין כִּתָּה אִיז מוֹרָא'דִיג גֶעשְׁמַאק אוּן פַּאזִיטִיוו, אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, אִיךְ לוֹיבּ אוּן רִים יֶעדְן אוֹיס, אִיךְ שְׁמֵייכְל צוּ יֶעדְן, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵׁם פָּאר מִיט גֶעשְׁמַאק, אִיךְ פָּאלְג וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט פַאר דִי מְלַמְדִים.

וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז בַּיי מִיר אִין שְׁטוּב אִיז חוֹשֶׁךְ עָנָן וַעֲרָפֶל, אִיךְ שְׁרַיי אוֹיף דִי קִינְדֶער, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טֵיילְן פְּסָקִים. דֶעם יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעשְׁלָאגְן מַיין זוּן, אוּן אֵיין מָאל מַיין טָאכְטֶער. עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַז מַיין זוּן אִיז נִישְׁט דֶּרֶךְ אֶרֶץ'דִיג, אוּן מַיין טָאכְטֶער זָאגְט יֶעדֶע מִינוּט "נֵיין" פַּאר מַיין וַוייבּ אוּן פַּאר מִיר. אוּן וִוי נָאר עֶס וֶוערְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אִינְדֶערְהֵיים, בִּין אִיךְ מַקְפִּיד אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶס וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר פְרֶעגְן, "פַּארְוָואס טַאקֶע אִיז דָאס אַזוֹי?" אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי קְלוּג זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיס צוּ הָאבְּן, צִי עֶס הָאט מִיט דֶעם אַז מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט אֵיינְשְׁטִימִיג מִיט מִיר אוּן זִי שֶׁעצְט מִיךְ נִישְׁט, דֶערְפַאר אִיז מַיין מֹחַ עֶנְג אוּן אִינְדֶערְהֵיים פַארְלִיר אִיךְ דֶעם שְׁמֵייכְל, אוּן דִי לוּפְט וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן, בִּכְלַל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי בַּיי דִי חִינּוּךְ שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ מֶער קְלָאר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לֵייגְט אַרָאפּ דֶעם שְׁפְּרַאךְ וִוי אַזוֹי מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, אָבֶער בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי בִּפְרָטִיּוּת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט נִישְׁט דֶעם מָשָׁל וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ שְׁטוּב פַּאזִיטִיו אוּן פְרֵיילִיךְ, וָואס צוּ זָאגְן פַּאר דִי וַוייבּ אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קוּמְט אַהֵיים, וָואס זָאגְט מֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶער קְלָאֶרֶער. אָדֶער קֶען זַיין אַז אִין חֵדֶר אִיז עֶס אַבִּיסְל 'גֶעמַאכְט', 'כְּלוֹמַר'ישׁ', מֶען מַאכְט אַ שְׁמֵייכְל אוּן מֶען גְרִיסְט יֶעדְן מֶען רִימְט יֶעדְן וְכוּ', ווִידֶער אִינְדֶערְהֵיים אִיז עֶס צוּ אֱמֶת'דִיג? עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי אַרָאפְּגֶעלָאזְטְקֵייט צוּ שְׁמֵייכְלֶען וְכוּ', אוֹיךְ קֶען זַיין אַז אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פוּן וָואס דָאס קוּמְט.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט בַּיי יֶעדֶע בְּרִיוו צוּגֶעטְרָאפְן מַיין מַצָּב קְלָאֶרֶער ווִי אִיךְ אַלֵיינְס, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הֶעלְפְן בִּיטֶע?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חִינּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, עֶס אִיז פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶועןן זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן**

רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב וֶוען מֶען זִיצְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער, נָאךְ אַ סְעוּדָה אוּן נָאךְ אַ סְעוּדָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אוּן ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, וֶוען צוּ זָאגְן, ווִיפִיל צוּ זָאגְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט נוּצְן קַיין הֶענְט, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ שְׁלָאגְן קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוֹיף דֶעם, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וָואס מֶען פּוֹעֵל'ט מִיט שְׁלֶעכְטְס וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט בֶּעסֶער אוּן גְרִינְגֶער פּוֹעֵל'ן מִיט גוּטְנְס", גֶעעֶנְדִיגְט מִיט נוּצְן הֶענְט, נוּץ דִי הֶענְט נָאר צוּ גְלֶעטְן אוּן צוּ קְנִיפְּן אִין בֶּעקְל, גֶעעֶנְדִיגְט מִיט שְׁלָאגְן.

שֵׁנִית זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּקְלַאפְּן, אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר נִישְׁט אַיינְשְׁטִימִיג, זִי הָאט אִיר גַאנְג וְכוּ', זָאל דִיר דָאס נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן; אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען דָאס? ווִי קֶען מֶען זַיין בְּגַדְלוּת הַמּוֹחִין אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ וַוייבּ וָואס אִיז מְזַלְזֵל? דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פב), וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מְבַטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דִי רְצוֹן הַשֵּׁם, מֶען הָאט לִיבּ דִי וַוייבּ ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, נִישְׁט ווַייל מֶען גֵייט צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן אִיר עֶפֶּעס, אוּן נִישְׁט ווַייל זִי וֶועט זַיין שֵׁיין צוּ מִיר אוּן רֶעדְן שֵׁיין, נָאר ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי פְּרוּי אוּן מִיט אִיר הָאבּ אִיךְ קִינְדֶער, וֶועל אִיךְ אִיר לִיבּ הָאבְּן - דֶעמָאלְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וֶוערְט דִי וַוייבּ בָּטֵל צוּם מַאן אוּן מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, עֶרְוַוארְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט פוּן דַיין וַוייבּ, אוּן אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָּאלְגְן נִישְׁט, זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף פָּאלְגְן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אוּן אַז מֶען פָּאלְגְט אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׂכַר", דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, (מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע פָּנִים אָבֶּער מִיט לִיבְּשַׁאפְט).

וְעַל כּוּלָם גֵיי יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים אִיבֶּער אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקַרֵב זַיין, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, דִיר וַוייזְן אַז עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ בִּיסְט צֶעקְלַאפְּט בַּיי דִיר, דֶערְצֵייל אִים וִוי דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ וִוי אַ שְׁמַאטֶע וְכוּ׳ וְכוּ׳, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מַאכְן שְׁפִּירְן גוּט, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד צוּרִיק אַהֵיים אוּן מֶען נֶעמְט גָארְנִישְׁט מִיט, מֶען נֶעמְט מִיט נָאר מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן דִי דוֹרוֹת וָואס מֶען לָאזְט אִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב, מִיר הָאבְּן גֶעגֶעסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶע מִצְוֹת פוּן יוֹם טוֹב, יֶעצְט דַארְפְן מִיר זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם יוֹם טוֹב, עֶס זָאל בְּלַייבְּן מִיט אוּנְז פַאר אֵייבִּיג; וִוי אַזוֹי בִּינְדְט מֶען זִיךְ צוּ צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח? דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזְא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן"; אַז מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י אִיז מֶען צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם צַדִיק דֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער דֶער הֵיילִיגֶער עֲצֵי חַיִּים אוּן דֶעם הֵיילִיגְן סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י (לֶערְנְט

אַסאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ״י), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י״.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנֵייעֶן מִיטְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא, דִי צְוֵויי לִימוּדִים רֵיינִיגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי נְשָׁמָה אוּן עֶס פַארְבְּרֶענְט אַלֶע קְלִיפּוֹת. קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט; זָאג דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אֲפִילוּ אָן קַיין טַעַם. חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו): ״אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה'״, אַן עַם הָאָרֶץ וָואס זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה מִיט גְרַייזְן; אַנְשְׁטָאט זָאגְן: ״וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳״ מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט עֶר: ״וְאָיַבְתָּ אֵת״, מֶען זָאל פַיינְט הָאבְּן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד): ״וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה״, אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע גְרַייזְן; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט עֶס מִיט גְרַייזְן, עֶר זָאגְט דָאס פַארְקֶערְטֶע וָואס מֶען דַארְף וֶוען זָאגְן, אַזוֹי בַּאלִיבְּט אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דוּרְךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ, אַרְבֶּעט מֶען זִיךְ אוֹיס דִי מִידוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנוֹת; פַאר דִי טֵייעֶרֶע וַוייבּ וָואס דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אוּן פַאר דַיין לִיכְטִיג קִינְד. דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז

שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרֵךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דִי תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא אִיז צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים צוּ לוֹיבְּן, וְויסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר און עֶר אִיז אַלֶעס, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", ווי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים, "כִּי כָּל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", ווייל ווי מֶער מֶען ווייסְט אַז אַלֶעס אִיז בְּלוֹיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין ווייבּ, אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, און גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דַיין ווייבּ ווייל דָאס אִיז אַ חֵלֶק פוּן דַיין נְשָׁמָה, און דַיְקָא דוּרְךְ אִיר וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן, צוּ שְׁלֵימוּת הַנֶּפֶשׁ. אַזוֹי ווי דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (עַיֵּין סֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה, חֵלֶק א), עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג ווי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִידוֹת, נָאר דוּרְךְ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט דִי ווייבּ, ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ ווייבּ וָואס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פַאר אִים צוּ קֶענֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ גַבַּאי נֶאֱמָן זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי פּוּשְׁקֶעס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, תשפ"ד

לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט ווילִיג צוּ אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי פּוּשְׁקֶעס פוּן דִי מוֹסָד; שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ אַרוּם צוּ הָאבְּן אַ גַבַּאי נֶאֱמָן וָואס וֶועט אוֹיסְטֵיילְן פּוּשְׁקֶעס פַאר אַלֶע שְׁטִיבֶּער, אוֹיךְ אִין שׁוּלְן און אִין גֶעשֶׁעפְטְן, דָאס צַאמְנֶעמֶען און דָאס צַאמְצֵיילְן, אַז דָאס זָאל זַיין אַ הַכְנָסָה פַאר דִי מוֹסָד.

אַז מֶען הָאט דֶעם רִיכְטִיגְן מֶענְטְשׁ פַּאר דֶעם, וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם; סֵיי אַלֶע זָאלְן הָאבְּן, אוּן סֵיי דָאס צַאמְנֶעמֶען אוּן צַאמְצֵיילְן - קֶען דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע הִילְף פַאר דִי מוֹסָד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָּדוֹל"; דָאס קֶען הֶעלְפְן דִי מוֹסָד צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין, צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע צַייטְלִיךְ.

לָאז מִיר וִויסְן אוֹיב דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דָאס זָארְגְן צוּ סַאךְ, קֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן הָאבְּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

זָארְגְט נִישְׁט וֶועגְן קִינְדֶער, עֶנְק וֶועלְן הָאבְּן קִינְדֶער; דָאס זָארְגְן צוּ סַאךְ - דָאס אַלֵיין קֶען אָפְּהַאלְטְן פוּן הָאבְּן קִינְדֶער.

טוּ וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י:): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיוּ לוֹ בָּנִים זְכָרִים", וָואס זָאל אַ מֶענְטְשׁ טוּן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער זְכָרִים? רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט: "יְפַזֵּר מָעוֹתָיו לַעֲנִיִּים", עֶר זָאל גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט: "יְשַׂמֵּחַ אִשְׁתּוֹ לִדְבַר מִצְוָה", עֶר זָאל פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיין וַוייבּ.

זַייט מִתְפַּלֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר קִינְדֶער, אוּן וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אִיר טוּט דִי מִצְוָה פוּן חַלָה, אוּן וֶוען מֶען טוּט דִי הֲלָכוֹת פוּן טָהֳרַת הַמִשְׁפָּחָה - דֶעמָאלְט אִיז אַן עֵת רָצוֹן צוּ בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער אוּן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זָאג יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטַארְק אִין לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, זָאג יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסֶע סְגוּלוֹת וָואס לִיגְט אִין מִשְׁנַיוֹת, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת.

מוֹהֲרָא״ש זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן (סִימָן יט) אַז וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ אֲפִילוּ עֶר זִינְקְט אִין דִי טוּמְאָה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת - וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זָאגְט מוֹהֲרָא״שׁ, דָאס מֵיינְט מֶען ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם): ״שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, ״אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ - וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ קֶשֶׁר מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעד נִישְׁט קַיין וָוארְט בַּיים דַאוֶונֶען, וֶועסְטוּ זֶען יְשׁוּעוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם יוֹם טוֹב וָואס דוּ קֶענְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אַ גוּטֶע קַבָּלָה עֶס זָאל דִיר זַיין אַ זְכוּת פַאר פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי חוֹבוֹת אוּן קֶענֶען לֶעבְּן בְּהַרְחָבָה.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען; פוּן אָנְהוֹיבּ דַאוֶונֶען בִּיזְן סוֹף דַאוֶונֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט מִיט קֵיינֶעם, נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ וֶועסְט זֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶעס וָואס דוּ בַּאגֶערְסְט.

עֶס וֶועט דִיר זַיין שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ, סַיי פוּן דִיר אַלֵיין וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ שְׁמוּעֶסְן, אוּן סַיי עֶס וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִיר חֲבֵרִים וָואס פְלֶעגְן מִיט דִיר שְׁמוּעֶסְן. אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט נִישְׁט עֶפֶענֶען דַיינֶע לִיפְּן, אוּן וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט צוּ דִיר וֶועסְטוּ וַוייזְן אוֹיף דַיין מוֹיל אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט - וֶועט עֶס מִיט דִי צַייט וֶוערְן גְרִינְגֶער אוּן גְרִינְגֶער.

אַז דוּ הָאסְט אִיבְּרִיג צַייט בַּיים דַאוֶונֶען - זָאלְסְטוּ נָאר שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי וֶועלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, יֶענֶע וֶועלְט קוּמְט מִיר נִישְׁט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דֶער עִיקָר צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטְרֶעבְּן צוּצוּקוּמֶען - אִיז צוּ וֶועלְן טוּן נָאר דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע ווִילְן;

דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ אוּנְז – וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן – וֶועלְן מִיר צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "דִי וֶועלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט, יֶענֶע וֶועלְט קוּמְט מִיר נִישְׁט אוּן גֵיהִנוֹם דַארְף אִיךְ נִישְׁט, בְּלַייבְּט מִיר גָארְנִישְׁט אִיבֶּער, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן..." אוֹי דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער, דִי דְבֵיקוּת צוּ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אוּנְז, מִיר זָאלְן גָארְנִישְׁט וֶועלְן, מִיר זָאלְן נָאר בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי שְׁפַּאצִיר אִין דַיין פֶעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ אוּן זִינְג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"טַאטֶע אִיךְ דַארְף נָאר דִיר, טַאטֶע אִיךְ בֶּענְק צוּ דִיר, טַאטֶע אִיךְ וִויל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דַיין הַאנְט טוּט וַויי, וֶועסְטוּ עֶס אָפְּשְׁנַיידְן?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין; דִי שִׂמְחָה, דִי תְּמִימוּת, דִי לִיבְּשַׁאפְט, וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ – זֶעט מֶען נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ וִויל דִיךְ פְרֶעגְן, וָואס טוּסְטוּ אַז דוּ הָאסְט וֶוייטָאג פוּן דַיין הַאנְט אָדֶער פוּס – וֶועסְטוּ גֵיין אָפְּשְׁנַיידְן דַיין הַאנְט אָדֶער פוּס? אַז דוּ הָאסְט וֶוייטָאג פוּן דַיין אוֹיעֶר – וֶועסְטוּ טְרַאכְטְן אֲפִילוּ פוּן אַזַא מַחְשָׁבָה פוּן אָפְּשְׁנַיידְן דַיין אוֹיעֶר? קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טוּן אַזַא זַאךְ, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַזַא זַאךְ וִוי אָפְּשְׁנַיידְן דֶעם אֵבֶר וָואס טוּט וַויי, מֶען וֶועט זוּכְן

אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס פַארְהֵיילְן, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס וֶוען דוּ הָאסְט וֶוייטָאג פוּן דַיין וַוייבּ טְרַאכְטְסְטוּ יָא פוּן אָפְּשְׁנַיידְן אוּן זִיךְ גֶטְ'ן? מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית ב, כג): "עֶצֶם מֵעֲצָמַי וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי", דִי פְרוֹי אִיז אַ חֵלֶק פוּנֶעם מַאן; דַארְף מֶען לַיידְן אוּן הָאבְּן סַבְלָנוּת, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אָפְּשְׁנַיידְן.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז טָאג אוּן נַאכְט: "וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט לַיידְן אַבִּיסְל - לַיידְט אַסַאךְ"; דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען עָמוֹק עָמוֹק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה צוּ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט - דַארְפְּסְטוּ עֶפֶּעס צוּרִיקְצָאלְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַז מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּ אִים. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש זָאגְט נָאךְ פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְּלֶעגְט זָאגְן: "וָואס אִיז דֶער סִימָן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ דֶעם טַאטְן? אַז עֶר הָאט לִיבּ זַיינֶע קִינְדֶער".

זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין הֲפָצָה, גֵיין וָואס מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים - וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן; עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וָואס וֶוער עֶס נֶעמְט נָאר דִי סְפָרִים אִין הַאנְט - וֶוערְט אִים דִי הַארְץ אָפְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוּן הוֹיבְּט אָן זַיין אַ אִיד.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן דִי לֵצִים וָואס מַאכְן אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּן הֲפָצָה, אוּן פוּן דִי לֵצִים וָואס רוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן הֲפָצָה.

מִיר וֵוייסְן נָאר וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּן וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקַרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): "כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ, וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם, כְּדֵי לְעוֹרְרָם וּלְהַשִּׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה מְבַזֶּה אוֹתָנוּ בְּבִזְיוֹנוֹת עַל שֶׁאָנוּ מִתְעַצְּלִים בָּזֶה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז פַארְשֶׁעמְט אוּן אוּנְז אָנְגֶערוּפְן 'עֵצִים יְבֵשִׁים' טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער, וַוייל מִיר גֶעבּוֹירְן נִישְׁט קֵיין פְרִישֶׁע נְפָשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה, הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה צוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיפְן בִּנְיָן דֶער נָאמֶען פוּנֶעם נַדְבָן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג, ח' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט אַרוֹיפְלֵייגְן אַ טָאוֶועל אוֹיף דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין מַחֲנֶה 'אִילָן הַחַיִּים' אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, מִיט דִי נָאמֶען פוּנֶעם נַדְבָן. הֲגַם אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז סַיי וִוי פַארְשְׁרִיבְּן דִי נֶעמֶען פוּן

דִי נַדְבָנִים וָואס בּוֹיעֶן מוֹסְדוֹת צוּ לֶערְנֶען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר זְכוּת אִיז פַארְשְׁרִיבְּן פַאר דוֹרֵי דוֹרוֹת, דָאךְ וִויל אִיךְ עֶס זָאל שְׁטֵיין אוֹיף אַלֶע בִּנְיָנִים דִי נֶעמֶען פוּן דִי נַדְבָנִים, מְפַרְסְמִין עוֹשֵׂי מִצְוָה (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת הָרַשְׁבָּ"א חֵלֶק א׳, סִימָן תקפא).

אוֹיךְ אוֹיב דוּ קֶענְסְט פַארֶערְכְטְן דִי טָאוֶועל אוֹיפְן בִּנְיָן פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה בַּיי טְשֶׁעסְטְנָאט, דִי קְרוֹין אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַאוֶוענֶען פְּרִי, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אוּן דַאוֶוענֶען וָואס פְּרִיעֶר - וֶועסְטוּ הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים, אַ לַאנְגֶע טָאג; וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה אוּן אַלֶעס גוּטֶס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מְקָרֵב זַיין יֶעדְן, אָבֶּער מִיט שֵׂכֶל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ"ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן זָאלְסְט הָאבְּן קֶשֶׁר מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בַּאגְרִיס יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן רֶעד צוּ אַלֶעמֶען, בְּעִיקָר מִיט דִי שְׁטִילֶערֶע וָואס רֶעדְן נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, זֵיי דַארְף מֶען בַּאגְרִיסְן אוּן מְקָרֵב זַיין.

וְדַעַת לַנָּבוֹן מֶען דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן אוּן וָואס צוּ זָאגְן, נִישְׁט צוּ גֵיין אוֹיף דִי נֶערְוֶוען, יֶענֶעם דֶערנֶערְוִוירְן, וַוייל נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן וִוי אַזוֹי צוּ מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵּק זַיין, מֶען דַארְף שְׁמוּעֶסְן סְתָּם זַאכְן, יֶענֶער זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר הָאט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, אוּן נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן זָאגְן: "בִּיסְט אַזוֹי חָשׁוּב, בִּיסְט אַזוֹי גוּט".

אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ גוּט, וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן מִיךְ גֶעוָואלְט מְקָרֵב זַיין, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי, אוּן עֶס הָאט גֶעפֶעלְט אַ הָאר אִיךְ זָאל

אַוֶועקְגֵיין פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ צוּלִיבּ זֵיי, זֵיי הָאבְּן מִיךְ גֶעגְלֶעט אוּן גֶעזָאגְט וִוי גוּט אִיךְ בִּין אוּן וִוי חָשׁוּב אִיךְ בִּין, דָאס הָאט אַזוֹי נֶערְוֶועז גֶעמַאכְט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאגְן אוּן זָאגְן בִּיז קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן דֶערְהֶערְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין טָאכְטֶער ... זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ מְקָרֵב זַיין דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן; לֶערְן אִיר אוֹיס גוּטֶע מִידוֹת, אִידִישֶׁע מִידוֹת, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף קִינְדֶער וָואס קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט מִיט זֵיי שְׁפִּילְן.

מִיט אֵיין מָאל זָאגְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט עֶרְוַוארְטְן, מֶען דַארְף זָאגְן אוּן זָאגְן בִּיז קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן דֶערְהֶערְן, בִּיז דִי קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן וָואס אִיז חָשׁוּב אוּן וָואס אִיז וִויכְטִיג.

עֶס אִיז דָא אַ מֵיידְל בַּיי אִיר אִין קְלַאס וָואס שְׁרַייבְּט מִיר אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין חַבֶרְ'טֶעס, זִי הָאט נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן, זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיין טָאכְטֶער זִי זָאל זַיין דִי חַבֶרְ'טֶע פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן.

בַּיי דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (בְּהַעֲלוֹתְךָ, קנב.), אַז אַ טִיפֵּשׁ קוּקְט אוֹיף דִי קְלֵיידֶער, אַ חָכָם קוּקְט וָואס אִיז אוּנְטֶער דִי קְלֵיידֶער; אוּנְטֶער דִי קְלֵייד אִיז דָא אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה וָואס קוּמְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן כִּסֵּא הַכָּבוֹד; אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען קוּקְן, נִישְׁט אוֹיף וָואס פַאר אַ קְלֵיידֶער מֶען טוּט זִיךְ אָן, טֵייעֶר אָדֶער בִּילִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ רוּקְן וַוייטֶער מִיטְן דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַחַל אִין אִידִישׁ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וִוי הַאלְט מַיין נֶדֶר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, אַז אִיךְ וֶועל פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי אִידִישֶׁע בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַחַל? אִיךְ וַוארְט שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס גֶעבְּן אַ רִיר; אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶנְדִיגְן דְרוּקְן דִי גַאנְצֶע סֶעט אֲשֶׁר בַּנַחַל אִין אִידִישׁ.

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאֹרְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶוער עֶס הֶעלְפְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים הָאט אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה; דִי חִיזוּק, דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן - דָאס אִיז דִי לֶעצְטֶע הֲכָנוֹת פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ.

לָאז מִיר וִויסְן וָואס דִי פְּלַאן אִיז, וֶוען חֵלֶק ג' גֵייט אַרַיין אִין דְרוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דַיין יוֹם טוֹב אִיז דִיר אַרִיבֶּער זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ יוֹם טוֹב בִּכְלָל - אוּן יוֹם טוֹב פֶּסַח בִּפְרָט - וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ טַעַם אִין יוֹם טוֹב, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי קְדוּשָּׁה פוּנֶעם יוֹם טוֹב. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קלה): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק, יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב"; אַז מֶען אִיז מְקוּשָּׁר צוּם צַדִיק - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַלֶע זָאגְן אַז זַייט זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאבְּן דִי יָמִים טוֹבִים אַלֶע טַעֲמִים, בִּפְרַט יוֹם טוֹב פֶּסַח אִיז גָאר אַנְדֶערְש, וַוייל אֵיידֶער דִי הִתְקַרְבוּת אִיז דָאס פוּל מִיט נֶערְוְון, פוּל מִיט עַצְבוּת, און פוּן וֶוען מֶען אִיז בַּיים רֶבִּי'ן - אִיז יוֹם טוֹב אֵיין שְׁטִיק שִׂמְחָה.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוֹיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און גְמָרָא, און גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶועט דִיר גוּט זַיין סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט און זִיכֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר און אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוִויסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַּארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר און פַּארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר און מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַרְגָּא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבּ מַעֲשֵׂר אֵיידֶער דִי אִינְוֶועסְטִירְסְט דָאס גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ עֶרְלִיךְ מַעֲשֵׂר, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, און אַז דוּ פַארְדִינְסְט און דוּ אִינְוֶועסְטִירְסְט דִי גֶעלְט אִין פְרִישֶׁע בִּיזְנֶעס - דַארְף מֶען פוּן פָארְאוֹיס גֶעבְּן מַעֲשֵׂר, און נָאר אַזוֹי קֶען מֶען עֶרְוַוארְטְן הַצְלָחָה.

הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גֶעבְּן צְדָקָה וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן פַאר דִיר, עֶס אִיז פַארְקֶערְט; וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה – הוֹיבְּט אָן קוּמֶען גְרוֹיס שֶׁפַע, עֶס דָאפְּלְט זִיךְ אוּן טְרִיפְּלְט זִיךְ דִי הַכְנָסָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין צְדָקָה זָאל זַיין צְדָקָה, דַיין גֶעלְט זָאל גֵיין פַאר גוּטֶע פְּלֶעצֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי נַחְמָן, אַ זוּן פוּן רֶבִּי יוּדְל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען קְרַאנְק, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ. אַמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן גֶעזָאגְט: ״אֵיי וָואס דֶער רֶבִּי נַחְמָן לַיידְט; אָרֶעם אִיז עֶר, אוֹיךְ אִיז עֶר קְרַאנְק, אוּן צוּ אַלֶע צָרוֹת הָאט עֶר אַ וַוייבּ אַ שְׁקְלַאפְּטֶע״, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ״אוֹיף אִים קְרֶעכְצְסְטוּ, אוֹיף אִים זִיפְצְסְטוּ? עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם, אוֹיךְ אִיז עֶר אָרֶעם, אוֹיךְ אִיז עֶר קְרַאנְק, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, עֶר וֶועט נִישְׁט זֶען דִי פָּנִים פוּן גֵיהִנוֹם, זִיפְצְן דַארְפְסְטוּ אוֹיף דֶעם נָגִיד... וָואס עֶר עֶסְט אַ גוּטֶע מִיטָאג, עֶר לֵייגְט זִיךְ צוּ אוּן עֶס טוּט זִיךְ מִיט אִים וָואס עֶר אַלֵיין וֵוייסְט... אוֹיף אִים דַארְפְסְטוּ קְרֶעכְצְן״; וַוייל דִי וֶועלְט גֵייט אַרִיבֶּער, דָאס לֶעבְּן אִיז נָאר פַאר אַבִּיסְל, נָאכְדֶעם קוּמְט דִי עֶכְטֶע לֶעבְּן.

אַשְׁרֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס דֶערְמַאנְט אוּנְז וָואס אִיז גוּט אוּן וָואס אִיז חָשׁוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן גְרָאסֶערִי קוּמְט הֶעלְפְּן אִין חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

עֶס הָאט מִיר גֶעלוּינְט צוּ זַיין בַּיי דִי בִּרְכַּת הָאִילָנוֹת מִיט דִי קִינְדֶער פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה פוּן שְׁטֶעטְל, צוּ זֶען דִי הֶערְלִיכֶע בִּילְד וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן לֶעמָאנֶעיד גְרָאסֶערִי בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ אִיז אַ בִּמְקוֹם (סָאבּ) פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט דָאס צוּ זֶען, דָאס וַוייזְט אַז דַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִיז פַארְן רֶבִּי'ן, דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן מִיט וָואס מֶען דַארְף, אוּן אַז יֶעצְט דַארְף מֶען אַ בִּמְקוֹם אִין חֵדֶר - פַּאסְט דִיר צוּ קוּמֶען אוּן דָאס טוּן.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְדֶעם אוּן אִיךְ בֶּעט פַאר דַיין הַצְלָחָה.

לֶערְן יֶעדְן טָאג גְמָרָא, לָאז נִישְׁט דֶעם טָאג אַרִיבֶּערְגֵיין אָן עֶפֶּענֶען דִי גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס אִין יָארְצַייט פוּן דַיין טַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר קִרְיַת יוֹאֵל, מָאנְרָא**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם הַשַּׁ"ס, אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי, הָאסְט עֶס גֶעעֶנְדִיגְט אִין דִי יָארְצַייט פוּן דַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם. אוֹי וִוי אַלֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען מְקַנֵּא

אוֹיבְּן אִין הִימְל דַיין טַאטֶע אַז עֶר הָאט אַ זוּן וָואס לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אוֹיבְּן אִין הִימְל קוּקְט מֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב אַנְדֶערְשׁ וִוי דָא, אוֹיבְּן אִיז בְּרֶסְלֶב הֵיילִיג, אוֹיבְּן אִיז אֱמֶת, אוֹיבְּן אִיז אַ מִשְׁנָה טֵייעֶרֶער פוּן גֶעלְט אוּן גָאלְד, אוֹיבְּן אִיז חָשׁוּב וֶוען מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא.

זַיי מַמְשִׁיךְ, אוּן הַלְוַאי וָואלְסְטוּ גֶעגַאנְגֶען הַפָּצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ אִידְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אוֹיבְּן אִין הִימְל, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע עֲלִיָּה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן עֶלְטֶערְן, ווייל מַה דָאךְ וֶוען אַ קִינְד זָאגְט קַדִּישׁ הָאט דִי נְשָׁמָה אַן עֲלִיָּה, אוּן וָואס אִיז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קַדִּישׁ? אַז מֶען שְׁרֵייט אוֹיס הוֹיךְ: "יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא", דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל גְרוֹיס וֶוערְן, אִיז דָאךְ כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען גֶעבְּט סְפָרִים פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וָואס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים? "יִתְגַּדַּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא", אֱמוּנָה אוּן נָאר אֱמוּנָה אוּן נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּן פַאר דִי נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַייעֶר מַאמֶע אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיר זֶענְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ"ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַייעֶר מַאמֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי הָאט אַזוֹיפִיל נַחַת פוּן אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, זִי הָאט זִיךְ מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי עֶנְק אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, זִי דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

מֶען זֶעט מַמָשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט: "וֶוען קֶסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים - וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר לֶערְנֶען", דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס

דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר מֶענְטְשְׁן, דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר עֶלְטֶערְן, דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי ווייבּ.

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שֵׁיינֶע תְּפִלָּה פַאר אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, פַאר מַיין מַאן אוּן מַיינֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַזוֹיפִיל גוּטְס, ווִיפִיל אִיךְ וֶועל דִיךְ דַאנְקֶען וֶועל אִיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַאנְקֶען, בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר.

אָנָּא הַשֵּׁם, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר מַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין אַ שְׁטוּבּ וָואס לֶעבְּט מִיטְן צַדִּיק, אַ שְׁטוּבּ וָואס מֶען אָטֶעמְט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים, אַ שְׁטוּבּ פוּן אֱמוּנָה, אַ שְׁטוּבּ פוּן תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער דָאס אִיז דָאךְ מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן, צוּ לֶעבְּן מִיט דִיר, טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ, מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶעבְּן מִיט דִיר.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ צוּ מַיין מַאן אוּן אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אוּן גֶעבּ מִיר כֹּחַ צוּ קֶענֶען טוּן דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט מִיט שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְגַדֵּל זַיין מַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען נַחַת פוּן מַיינֶע דוֹרוֹת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי שִׁגָּעוֹן פוּן דַיין צֶעבְּרָאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן: ״דֶער בַּעַל דָבָר נֶעמְט זִיךְ צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן קְלֶעבְּט אָן אִין אִים אַ שִׁגָּעוֹן״; מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, וָואס אִיז דִי שִׁגָּעוֹן וָואס עֶר קְלֶעבְּט אָן אִינֶעם עֶרְלִיכְן אִיד? עֶר רֶעדְט אִים צוּ צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן, הָאבְּן אַ לֵב נִשְׁבָּר, כְּאִילוּ דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ מַדְרֵיגָה, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר אִים אַרַיין אִין זַאק אַרַיין.

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי שִׁגָּעוֹן פוּן דַיין צֶעבְּרָאכְן, גֵיי אַרוּם מִיט שִׂמְחָה אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן דוּ הָאסְט אֱמוּנָה, אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אוֹיבּ דוּ הָאסְט יָא עוֹלָם הַבָּא אָדֶער נִישְׁט, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

ב"ה
עצתו אמונה
חלק י'

ראש חודש
אייר שנת
תשפ"ד לפ"ק

# ועד מרישא גמירא

פלאטפארמע מיטצוהאלטן פארשריט פון ספרי מכון עצתו אמונה

## צווייטע שטאפל איז פערטיג!

צווייטע שטאפל, צו דרוקן א ספר דארף דאס ווערן אויסגעשטעלט פראפעסיאנאל, מיט א פראגראם וואס פארשטייט זיך מיט די פרינטונג מאשינען, דאס ווערט געטון דורכן מומחה ר' אברהם יצחק שווארץ הי"ו פון אשדוד, און באגלייטונג פונעם מנהל המכון ר' יואל שניצלער.
די ארבעט ווערט בעז"ה געטון מיט א פונקטליכקייט און פראפעסיאנעליזם, אז דער ספר זאל קענען געלערנט ווערן געשמאק און ציענד, מיר וועלן אנכאפן איינע פון די זאכן אויף וואס מ'געבט אכט, אז די שאלות ותשובות זאלן זיין שיין און ריכטיגע אויסגעשטעלט, נישט אז די קעפל פון א שאלה זאל זיין אונטן פונעם עמוד און די שאלה זאל זיך אנהויבן אויפן נעקסטן בלאט, און אזוי ווייטער. מ'גיימיר ווייטער...

1 הגהה — ערשטע פאזע - 3 וואכן:

2

3 צוענדיגן — דריטע פאזע - 3 וואכן:

4 דרוקן — פערטע פאזע - 2 וואכן:

כאפט אריין די געוואלדיגע זכות, רופט היינט דער גבאי הר"ר ישעי איידליס הי"ו. 347.831.1391

marketedge | 718.207.8863




IDEA. 8457269664

# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט אייך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**